# קדושים

א. אין פסוק[1] „וכי תבואו אל הארץ ונטעתם גו' וערלתם גו' פריו שלש שנים יהי' לכם ערלים לא יאכל", שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער „שלש שנים יהי' לכם ערלים" און איז מפרש: „מאימתי מונה לו משעת נטיעתו".

לערנען מפרשים[2], אז דערמיט מיינט רש"י באווארענען, אז דער מנין פון די „שלש שנים" איז ניט „משעה שעושה פרי", נאר „משעת נטיעתו"; און דאס לערנט מען אפ פון דעם ווארט „ונטעתם"[3] — „לומר דמשעת נטיעה מונין".

דארף מען פארשטיין:

א) אויב דער גאנצער הכרח אז „מונה לו משעת נטיעתו" איז פון ווארט „ונטעתם"[4] — האט דאך רש"י געדארפט מעתיק זיין (אויך) דעם ווארט אין דעם דיבור-המתחיל?

די שאלה איז נאך שטארקער: דער מקור פון דעם פירוש איז פון תורת כהנים[5], און דארטן ברענגט זיך טאקע דער לימוד (בהמשך צו די דרשות) אויף „ונטעתם גו'" — אבער רש"י איז משנה פון תורת כהנים, און ברענגט עס אויף די ווערטער[6] „שלש שנים יהי' לכם ערלים", און דערמאנט אינגאנצן ניט דעם ווארט „ונטעתם".

ב) אן דעם ווארט „ונטעתם" — פון וואנעט ווייס מען בפשוטו ש"מ אז דאס איז משעת נטיעתו און ניט „פריו ג' שנים" דריי יאר פון פירות וואקסען[4]?

ג) וואס איז די אריכות אין רש"י סיי בההעתקה פון פסוק סיי — בלשונו „מאימתי מונה לו" — ער האט גע־דארפט זאגן בקיצור: „שלש שנים[7] — משעת נטיעתו"?

[אע"פ אז אזוי איז דער לשון אין תורת כהנים — איז אבער (ווי גערעדט כמה פעמים) ניט ענינו של רש"י בפירושו על התורה צו מעתיק זיין דרשות רז"ל בלשונן, נאר ער איז מפרש פשוטו של מקרא; וואס דערפאר איז רש"י אפט-מאל משנה (ופשיטא — משמיט) פון לשון רז"ל, בהתאם צום פירוש הכתוב ע"פ פשוטו של מקרא].

ב. דער ביאור אין דעם:

רש"י'ן בפשטות ארט דא די אריכות הלשון אין פסוק „שלש שנים יהי' לכם ערלים": עס שטייט דאך שוין פריער „וערלתם ערלתו את פריו", היינט פאר־וואס חזר'ט איבער דער פסוק נאכ־אמאל די ווערטער „יהי' לכם ערלים", און זאגט ניט בקיצור: „וערלתם ערלתו את פריו שלש שנים"?

---

1) פרשתנו יט, כג.

2) רא"ם, גו"א ועוד.

3) גו"א, באר מים חיים (לאחי המהר"ל), דבק טוב ועוד. וכ"ה בקרבן אהרן לתו"כ כאן.

4) וראה פי' המשכיל לדוד כאן (שנלמד זה מדלא כתיב „עד שלש שנים גו'", ע"ש).

5) עה"פ.

6) שינוי זה בפרש"י י"ל בפשטות, כי בא לפרש המנין ד„שלש שנים". אבל עדיין אינו מובן (כבפנים) — למה לא העתיק גם תיבת „ונטעתם"?

7) זה שהעתיק רש"י בהד"ה גם התיבות „יהי' לכם ערלים"* קאי בפשטות על ההמשך בפרש"י „יכול כו' ת"ל יהי' כו'". אבל ראה לקמן בפנים סעיף ב.

*) בדפוס שני (ובא' מכת"י רש"י שתח"י) — הד"ה הוא „שלש שנים".

נעמט רש״י דערפון ארויס, אז אין ערלה זיינען פאראן צוויי ענינים: (א) דער איסור פון ערלה אויף׳ן (עץ ו)הפירות („חפצא״) — וערלתם ערלתו את פריו״, ובלשון רש״י[8]: „יהא אטום ונסתם מליהנות ממנו״; (ב) דער מנין פון די „שלש שנים״ — א דין אויף׳ן אדם („גברא״) — „(שלש שנים) יהי׳ לכם ערלים״[9].

און דאס מיינט רש״י מיט זיין אריכות הלשון „מאימתי מונה לו משעת נטיעתו״: עס דארף זיין „מונה לו״ — דער אדם ציילט די „שלש שנים״; און וויבאלד דער מנין איז „לכם״, איז מסתבר אז די „שלש שנים״ רעכענען זיך (ניט פון ווען דער עץ איז עושה פירות, נאר) פון פעולת האדם (גברא) — „ונטעתם״[10] — פון ווען ער האט איינגעפלאנצט דעם עץ.

ועפ״ז קומט ארויס נאך א נפק״מ: וויבאלד אז דאס וואס „מונה לו משעת נטיעתו״ איז מצד דעם וואס דער מנין דארף זיין „לכם״, דארף אויסקומען, אז די שלש שנים (פון נטיעה) ווערן גערעכנט ניט לויט׳ן עץ, נאר לויט׳ן אדם („לכם״).

דער חילוק צווישן די צוויי אופנים — צי מ׳רעכנט די „שלש שנים״ לויטן „עץ״ אדער לויט נטיעת האדם — איז אין פאל ווען מ׳פלאנצט איין א צווייג פון א בוים וואס איז שוין אלט „שלש שנים״:

אויב מ׳זאל רעכענען לויטן עץ, האט אן ארט צו זאגן, אז וויבאלד דער צווייג האט שוין פריער דורכגעמאכט די שני ערלה, זיינען די פירות וואס וואקסן אויס פון דעם צווייג מותר מיד;

אויב אבער מ׳זאל רעכענען די „שלש שנים״ לויט דעם אדם הנוטע — „לכם״ — דארף אויסקומען, אז מ׳דארף נאכאמאל אנהויבן ציילן „שלש שנים״ פון זינט דער אדם האט געמאכט זיין נטיעה (חדשה).

[ולפ״ז איז שיטת רש״י בפירושו על התורה — ע״ד הפשט — מתאים מיט חלק ההלכה שבתורה, וואס דער דין איז[11], אז „אחד הנוטע ואחד המבריך כו׳״ איז חייב בערלה[12]].

ג. עפ״ז וועט מען אויך פארשטיין נאך אן ענין אין דעם פירוש רש״י:

---

8) כאן (וראה הערה הבאה). ובראב״ע כאן: שאותו פרי הוא חשוב כמו ערלה שהיא מזקת כו׳. ולהעיר מת״א כאן: ותרחקון רחקא, ובתיב״ע: ותגזרון גזרא — שמדגיש פעולת הגברא. וראה לקמן בפנים סעיף ד.

9) אבל להעיר מפרש״י לעיל (וארא ו, יב): וערלתם ערלתו עשו לו אוטם וכיסוי איסור שיבדיל בפני אכילתו. שלש שנים יהי׳ לכם ערלים אטום ומכוסה ומובדל מלאכלו — ומשמע מזה, ש„וערלתם גו׳״ („עשו לו אוטם כו׳״) הו״ע דהגברא; ו„שלש שנים יהי׳ לכם ערלים״ („אטום כו׳״) הו״ע בהחפצא.

10) אף שע״ד ההלכה אין צ״ל נטיעת אדם, כי גם אם עלה מאליו חייב בערלה (ערלה פ״א מ״ב) — דיבר הכתוב בהווה ונטעתם. וי״ל שע״ד הפשט צ״ל נטיעת אדם דוקא, כהלשון „ונטעתם״. וראה תו״כ כאן: „ונטעתם פרט לעולה מאליו״ (וראה ע״ד ההלכה — מפרשים לערלה שם. ירושלמי שם פ״א ה״א וב׳. רמב״ם הל׳ מע״ש ונטע רבעי פ״י הלכה ה־ו. טושו״ע יו״ד סו״ס רצד. ועוד).

11) ר״ה ט, סע״ב ובתוד״ה מרכיב שם. רמב״ם שם הי״ד. טושו״ע שם סט״ז.

12) וגם לדרשת התו״כ כאן „ונטעתם פרט למרכיב ולמבריך״ — ראה תוס׳ (ועוד) לר״ה שם שאיירי כשלא נפסקה מהאילן הזקן כו׳. וראה ערלה פ״א מ״ה ובמפרשים שם. ירושלמי שם פ״א ה״ג. רמב״ם וטוש״ע שם ונ״כ. ועוד.

וגם לפמ״ש הרמב״ן (והובא בקיצור בר״ן) ר״ה שם, דלר׳ אליעזר בן יעקב (סוטה מג, ב) נתמעט מבריך ומרכיב מערלה (וראה מלבי״ם כאן) — הרי אין הטעם בזה מפני שמונים לפי העץ, כ״א מפני שאין זה דרך נטיעה.

נאך די ווערטער „מאימתי מונה לו משעת נטיעתו", איז רש"י ממשיך — אין דעם זעלבן דיבור־המתחיל — „יכול אם הצניעו לאחר שלש שנים יהא מותר ת"ל יהי' בהוייתו יהא".

דארף מען פארשטיין: די צוויי ענינים אין פירוש רש"י — (א) „מונה לו משעת נטיעתו", (ב) „יכול אם הצניעו כו'" — האבן לכאורה קיין שייכות ניט צווישן זיך: „מאימתי מונה לו כו'" איז א פירוש אויף די ווערטער „שלש שנים"[13], און „יכול אם הצניעו כו'" — אויף די ווער־טער „יהי' לכם ערלים";

האט דאך רש"י געדארפט מחלק זיין די צוויי ענינים אין צוויי באזונדערע דיבור־המתחיל'ס (כדרכו בכ"מ) — פארוואס ברענגט זיי רש"י בהמשך אחד אין דעם זעלבן דיבור־המתחיל[14]?

די תמי' אין דעם איז נאך שטארקער: אויך דער מקור פון דעם ענין („יכול אם הצניעו כו'") אין פירוש רש"י איז פון תורת כהנים[15], אבער דארט קומט עס טאקע ניט בהמשך צום לימוד „מאימתי מונה כו'"[16], נאר עס איז א לימוד פאר זיך — היינט פארוואס איז רש"י משנה פון תו"כ און איז מצרף די צוויי לימודים צוזאמען?

ד. ע"פ הנ"ל (סעיף ב) איז עס מובן בפשטות:

וויבאלד דער פסוק איז מדגיש „יהי' לכם ערלים" — אז עס איז א דין אין „גברא" (כנ"ל) — קען מען דאך מיינען אז עס איז ניט נאר בשייכות צום פרט פון „שלש שנים" (אז דער מנין דארף זיין „לכם", כנ"ל), נאר אז כללות איסור ערלה איז בלויז „לכם", אן איסור גברא[17],

(און די ווערטער „יהי' לכם ערלים" זיינען ניט א הוספה אויף די ווערטער „וערלתם ערלתו את פריו" (און א דין בלויז אין מנין ג' שנים), נאר זיי זיינען דער פירוש און אויסטייטש פון „וערלתם ערלתו את פריו" — אז עס מיינט בלויז „יהי' לכם ערלים", אן איסור גברא);

און אויב מ'זאל אננעמען אז דער איסור ערלה איז ניט חל אויף די פירות גופא (נאר עס איז בלויז אן איסור על האדם ניט צו עסן די פירות די ערשטע דריי יאר) — איז דא אן ארט צו זאגן, אז נאך די ג' שנים איז ניטא דער איסור ערלה, אפילו ניט אויף די פירות וואס זיינען געוואקסן אין די ג' שני ערלה.

מ'וואלט געלערנט, אז ערלה איז אן איסור גברא („יהי' לכם ערלים") התלוי בזמן („שלש שנים")[18] — אזוי ווי דער איסור אכילת חמץ בפסח[19] וכיו"ב — א געוויסן זמן טאר עס דער אדם ניט עסן[20]; ובמילא, „אם הצניעו לאחר שלש

13) וגם לפמשנ"ת לעיל בפנים שפירוש זה („מאימתי כו'") שייך גם להתיבות „יהי' לכם ערלים" — הו"ל לרש"י להעתיק עוה"פ תיבות אלו ולפרש „יכול כו' ת"ל יהי' כו'" (כדרכו בכ"מ. ולדוגמא בפרשתנו לעיל יט, ג).

14) ראה מה שתי' במשכיל לדוד כאן. וראה הערה 18.

15) עה"פ (בשינוי לשון).

16) ויש הפסק דרשה אחרת ביניהם.

17) ראה לעיל הערה 8.

18) עפ"ז יתוסף ביאור גם בתי' השפ"ח כאן (בשם הנח"י).

19) ראה צפע"נ לרמב"ם הל' חו"מ פ"א ה"ו, שזהו טעם המ"ד (פסחים כח, ריש ע"ב. שם כט, א) דחמץ שעבר עליו הפסח אסור רק מדרבנן. ולמ"ד (שם כח, סע"א) שהוא אסור מה"ת, הוא מפני ש„ס"ל דהחיוב הוא בהדבר ולא בהזמן", ד„חמץ הוא איסור בעצמיי שאסור לאוכלו בפסח".

20) ראה בארוכה אתוון דאורייתא (כלל יו"ד)

"שנים" איז עס מותר (וויבאלד דער זמן איסורו איז שוין אריבער).

לערנט מען אָפּ פון ווארט „יהי׳" — „בהוייתו יהא" — אַז דער איסור ערלה בלייבט שטענדיק אויף די פירות, אויך נאָך די שלש שנים[21].

ה. דער טעם פנימי פון דעם חילוק צווישן איסורי גברא ואיסורי חפצא — י״ל אַז דאָס היינגט אָפּ פון וואַנעט עס קומט דער חיות פון דעם דבר הנאסר:

איסורי חפצא (אַז דער חפץ פאַר זיך איז אסור), איז ווען דער חפץ איז מקבל אַ חיות אסור, פון ג׳ קליפות הטמאות לגמרי[22] וואָס קענען ניט נתעלה ווערן אין קדושה, און דערפאַר איז דאָס אַ חפצא של איסור ואסור לעולם;

איסורי גברא איז ווען די זאַך איז מקבל אַ חיות סתם, פון קליפת נוגה[22] וואָס קען נתעלה ווערן אין קדושה, און דערפאַר איז ער אַ חפצא של היתר (נאָר דער גברא טאָר עס ניט עסן וכיו״ב).

און פירות ערלה זיינען אַן איסור חפצא (כנ״ל בארוכה) — ווייל זייער חיות איז פון ג׳ קליפות הטמאות (ווי דער אַלטער רבי ברענגט אַראָפּ אין תניא[23]).

עס פאָדערט זיך אָבער נאָך הסברה: וויבאַלד אַז דער אילן אַליין איז אַ דבר היתר[24], און די פירות זיינען דאָך יונק חיותם פון דעם אילן — ווי קען זיין, אַז דער אילן אַליין זאָל זיין אַ דבר המותר און די פירות וואָס קומען פון אים אַרויס זאָלן זיין אַ חפצא של איסור?

ווען פירות האילן וואָלטן אַלעמאָל געווען אסור, וואָלט מען נאָך געקענט מסביר זיין, אַז אָט דער חלק החיות[25] פון דעם אילן פון וואַנען די פירות זיינען יונק זייער חיות איז פון ג׳ קליפות הטמאות;

וויבאַלד אָבער אַז נאָך ג׳ שנים זיינען די פירות מותר, קומט אויס, אַז אויך דער חלק (החיות של) האילן איז ניט פון ג׳ קליפות הטמאות — היינט ווי ווערן די פירות אַן איסור חפצא?

ו. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם הביאור אין דעם לשון פון אַלטן רבי׳ן אין תניא[26] וועגן „מאכלות אסורות מהצומח כמו ערלה וכלאי הכרם כו׳" — אַז זייער „קיום וחיות" איז פון ג׳ קליפות הטמאות; איז מדייק דער רבי (מהורש״ב) נ״ע[27], אַז „בערלה וכלאי הכרם לא אמר וקיום גופם" — ניט ווי פריער, ביי „בעלי חיים הטמאים ואסורים באכילה", וואו דער אַלטער רבי

ובית האוצר (אות א כלל קכה) — להר״י ענגל — שקו״ט באיסורים זמניים אם הם איסור חפצא או איסור גברא. ונת׳ בארוכה בהתועדות.

21) ע״ד חמץ שעבר עליו הפסח להדיעה שאסור מה״ת (ראה הערה 19).

ולהעיר מלשון אדה״ז בשולחנו (הל׳ פסח סתמ״ז סמ״ה) „ועכשיו הוא כחתיכת נבילה" — דלכאורה: כוונת אדה״ז שם היא לבאר איך שלא חל שינוי בשם חמץ כשמגיע זמן איסורו, כי גם קודם הפסח „הי׳ שמו חמץ". ואי״כ, תיבות הנ״ל („שעד עכשיו לא אסרו הכתוב ועכשיו הוא כחתיכת נבילה" — ולא „ועכשיו נאסר" וכיו״ב) הן הדגשה להיפך? ומשמע מזה, שס״ל שחמץ בתוך הפסח הוא איסור חפצא (אף שחמץ שעבר עליו הפסח אסור רק מדרבנן — שם ר״ס תמח). וצ״ע.

22) ראה תניא ספ״ו ואילך (מע״ח שמ״ט).

23) שם (מע״ח שם פ״ו). שם רפל״ז. וראה הנסמן בהערה 30.

24) ראה ערלה פ״א מ״ז. תו״כ כאן.

25) להעיר מריש ערלה: ר״א אפילו אמר הפנימי למאכל והחיצון לסייג הפנימי חייב והחיצון פטור.

26) ספ״ו.

27) קיצורים והערות לתניא ע׳ קטו.

זאָגט אַז (ניט בלויז זייער „נפשות", נאָר) אויך „קיום גופם" איז פון ג' קליפות הטמאות — און איז מסביר: „שהרי גופם (פון ערלה כו') טהור כו'".

איז לכאורה ניט פאַרשטאַנדיק: פירות ערלה זיינען דאָך אסור לעולם — דאַרף דאָך דער „קיום גופם" פון די פירות זיין פון ג' קליפות הטמאות; און אויב ווייל די פירות נעמען זיך פון דעם אילן וואָס איז אַ דבר היתר — איז דאָך אויך דער חיות הפירות פון (און דורך) דעם אילן?

איז דער ביאור אין דעם: דער חילוק פון „קיום גופם" און „קיום וחיות" איז:

דער גוף וגשם פון אַ נברא איז באַשאַפן געוואָרן בלויז איין מאָל, און דערנאָך איז מען בלויז מקיים די פריערדיקע מציאות, און דערפאַר איז אין דעם ניט שייך אַ שינוי מזמן לזמן פון זיך אַליין[28] (אַז עס זאָל זיך בייטן דער אָרט פון וואַנעט עס קומט „קיום גופם");

דאַקעגן דער חיות פון צומח ודומם ווערט כסדר נתחדש פון־דאָס־ניי (כמבואר בכמה מקומות[29] בפירוש „המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית", אַז „בכל יום" ווערט נמשך אַ חיות חדש), און דערפאַר קען ווערן אַ שינוי אין דעם חיות.

און דאָס איז אויך דער ביאור באיסור ערלה: דער גוף וגשם האילן וואָס איז אַ דבר טהור — בלייבט טהור, ווייל אין דעם קען קיין שינוי ניט ווערן (לגבי ווי עס איז געווען פריער);

משא"כ דער חיות וכח מיט וועלכן דער אילן איז מצמיח די פירות און זיי זיינען יונק (פון אילן), איז במשך די שלש שני ערלה איז עס אַ חיות פון ג' קליפות הטמאות[30] — און מצד דעם ווערן די פירות אַן איסור חפצא[31] (ואסורים לעולם);

און דערנאָך ווערט נשפע ונמשך אין דעם אילן[30] אַ חיות חדש[32], וואָס די פירות שלו (בשנה הרביעית) זיינען ניט נאָר טהורים ומותרים, נאָר אדרבה — „קדש הלולים לה'"[33].

(משיחות אחרון של פסח וש"פ קדושים תשל"ו)

---

28) לבד כשהאדם עושהו אשרה וכיו"ב. ועצ"ע בנוגע לכלאי הכרם. ולהעיר מרמב"ם הל' מאכא"ס (פ"י ה"ו) „בין שעלו מאליהן . . אסורין".

29) ראה בארוכה מאמרי חגה"ש תרס"ה וה'ש"ת.

30) ראה לקו"ת פרשתנו ד"ה וכי תבואו פ"ב. אוה"ת עה"פ. וש"נ.

31) אף ש„גופם טהור" (כמו האילן). ויתירה מזו — האילן עצמו (גם החיות שבו) טהור, כי גופם דהפירות שייך לגופם דהאילן (גם בנוגע להיתר ואיסור), ולא להחיות שמשפיע האילן שאינו אלא בדוגמת מעבר,

וי"ל דוגמא לזה — יפה כח הבן מכח האב (שבועות מח, סע"א), שהאפשריות לזה היא מפני דפנימיות הבן לוקח מפנימיות האב (אף שלא נתגלה באב) — ואח"כ נתגלה בבן בכח הבן (ולפעמים אינו מגלה ואינו יפה).

32) אבל צ"ע אם אפ"ל כן בכל איסורים זמניים, כי דוחק לומר (ובפרט למ"ד דחמץ לאחרי הפסח אסור מה"ת) שיש שינוי בחיות של אותו הדבר (משא"כ בנדו"ד, שפירות ערלה אסורים לעולם).

33) פרשתנו יט, כד. וראה לקו"ת ואוה"ת שם.

# קדושים ב

א. נאך דעם ווי די תורה זאגט אן דעם דין פון ערלה און כרם רבעי[1], שטייט אין פסוק[2]: ובשנה החמישית תאכלו את פריו להוסיף לכם תבואתו אני ה' אלקיכם.

איז רש"י מעתיק די ווערטער „להוסיף לכם תבואתו" און מפרש: המצוה הזאת שתשמרו תהי' להוסיף לכם תבואתו שבשכרה אני מברך לכם פירות הנטיעות.

בפשטות לערנט מען[3], אז רש"י קומט באווארענען אז די ווערטער „להוסיף לכם תבואתו" זיינען ניט א המשך („דבוק") צו „ובשנה החמישית תאכלו את פריו" — ווייל ווי פאסט צו זאגן אז צוליב „תאכלו את פריו" וועט זיין דער שכר פון „להוסיף לכם תבואתו"?! — נאר דאס איז דבוק צו די פריערדיקע פסוקים וואו עס רעדט זיך וועגן שמירת המצוה: „המצוה הזאת שתשמרו תהי' להוסיף כו'".

עס איז אבער ניט פארשטאנדיק די אריכות הלשון אין פרש"י — לכאורה האט ער געדארפט זאגן בקיצור (ע"ד ווי דער אבן עזרא[4]) אז „להוסיף לכם תבואתו" איז „דבק עם קדש הלולים" (וכיו"ב); אדער (ווי אין רשב"ם[4]) „להוסיף לכם תבואתו — (לכך תזכו) אם תעשו כאשר צויתי".

און אפילו אז מ'וועט איינטייטשן (בדוחק גדול), אז רש"י וויל אויך קלאר מאכן דעם פירוש פון „להוסיף לכם תבואתו" — אז דאס מיינט „בשכרה אני מברך לכם פירות הנטיעות"[5] — האט רש"י געקענט זאגן בקיצור: „להוסיף לכם תבואתו — בשכר המצוה הזאת אני מברך לכם פירות הנטיעות"?

וואס איז די אריכות וכפל הלשון אין רש"י: „המצוה הזאת שתשמרו תהי' להוסיף לכם תבואתו (און דערנאך) שב־שכרה אני מברך לכם פירות הנטיעות"?

ב. אויך זיינען פאראן נאך כמה דיוקים בלשון רש"י, ומהם:

א) „המצוה הזאת שתשמרו כו'" — וואס איז די הוספת הדיוק „הזאת"? אז רש"י וואלט געזאגט „כשתשמרו המצוה" (וכיו"ב, אן דער הדגשה „הזאת") וואלט מען אויך געוואוסט אז עס רעדט זיך וועגן דער מצוה (וואס וועגן איר רעדט דער פסוק)?

ב) „אני מברך לכם פירות הנטיעות" — פארוואס איז רש"י משנה פון לשון הפסוק „תבואתו"?

אפילו אויב רש"י דארף באווארענען אז דער טייטש פון „תבואתו" דא איז[6] (ניט תבואת השדה, נאר) נטיעות הכרם[7] (וכהתחלת הענין[8]: ונטעתם כל עץ מאכל) — האט רש"י געדארפט זאגן (בקיצור) „מברך לכם הפירות" (אדער „הנטיעות"). וואס איז דער כפל הלשון „פירות הנטיעות"?

---

1) קדושים יט, כג־כד.
2) שם, כה.
3) ראה ס' זכרון, משכיל לדוד ובאר יצחק כאן.
4) עה"פ.
5) ושולל בזה פי' ריה"ג בתו"כ כאן. ועוד.
6) אבל דוחק, כי מסתימת לשון רש"י שבהערה הבאה (וכן — ל' הכתוב תצא כב, ט) משמע שאין בפירוש זה חידוש.
7) ראה רש"י בהר כה, כ. וראה גם רד"ק כאן.
8) יט, כג.